בס"ד

כי תצא תשפ"ב
גליון 109

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר וִוי אַ אִינְגְל פוּן צֶען יָאר גֵייט מִיט אַ תְּהִלִּים אִין גַאס אוּן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַזוֹי גֶעמִיטְלֶעךְ, פְּלוּצְלִינְג בַּאגֶעגְנְט עֶר אֵיינֶער פוּן דִי גָאר גְרוֹיסֶע פּוֹסְקִים פוּן אוּנְזֶער דוֹר, אָדֶער אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּן דוֹר, אוּן דֶער גָאוֹן, דֶער צַדִּיק גֵייט צוּ צוּם אִינְגְל אוּן זָאגְט אִים: "מַיין טַייעֶר קִינְד, אִיךְ וִויל זַיין דַיין חַבֶר אוּן אִיךְ וִויל זַיין דַיין רֶבִּי, אִיךְ וִויל זַיין דַיין תַּלְמִיד, אִיךְ וִויל הָאבְּן מִיט דִיר אַ חֵלֶק אוֹיף אֵייבִּיג, לְנֶצַח נְצָחִים." מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן דִי הִתְרַגְשׁוּת, דִי שִׂמְחָה אוּן הִתְפַּעֲלוּת וָואס דֶער אִינְגְל וֶועט הָאבְּן.

יֶעצְט לָאמִיר וַוייטֶער שְׁפִּינֶען אוּנְזֶערֶע גֶעדַאנְקֶען. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ גֵייסְט אִין גַאס מִיט דַיין חַבֶר אוּן אַייךְ טְרֶעפְן ר' נָתָן, אוּן עֶר זָאגְט עֶנְק: "דָא רֶעדְט צוּ אַייךְ, אֵייעֶר חַבֶר, אֵייעֶר רֶבִּי, אֵייעֶר תַּלְמִיד, אוּן וַוארְט אַז זַיין חֵלֶק זָאל זַיין מִיט אַייךְ אוֹיף אַלֶעמָאל!"

מִיט דִי וֶוערְטֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ ר' נָתָן אוּנְטֶער אִין אַ בְּרִיוו (ש"ס, מִיטְוָואךְ עֵקֶב תר"א, טְשֶׁעהְרִין), וואוּ עֶר רֶעדְט צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּער עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

זָאגְט ר' נָתָן אַזוֹי: "ווארויל אִיז אֵייעֶר חֵלֶק טָאמֶער וֶועט אִיר מְקַיֵּים זַיין מַיינֶע רֵייד, וַוייל מַיינֶע רֵייד אִיז נִישְׁט פוּן מַיין הַארְץ חָלִילָה, נָאר פוּן דִי הַארְץ פוּן גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשׁ עֶלְיוֹן, אוּן אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען נוֹבֵעַ מִמְּקוֹר הַחָכְמָה אֲמִתִּית וּתְמִימָה דֶער גְרֶעסְטֶער גֶעוַואלְדִיגֶער מְקוֹר וואוּ עֶס קְוֶועלְן אַרוֹיס אֱמֶת'ע אוּן תְּמִימוּת'דִיגֶע חָכְמָה וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דֶערְצוּ.

אִינֶעם בְּרִיוו, בֶּעט ר' נָתָן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חֻמָּשׁ אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, לֶערְנֶען הֲלָכָה יֶעדְן טָאג אוּן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ וִויפִיל מֶען קֶען, אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט אִיז מֶען מְקַיֵּים דֶעם פָּסוּק "דוֹם לה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ – שְׁוַוייג צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוארְט אִים, דָאס אַלֵיין אַז מֶען זִיצְט אִין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע אָרְט אוּן מֶען בֶּענְקְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט צוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּנֶעם עוֹלָם הַזֶּה, דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ולה' הַיְשׁוּעָה אַז קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג וֶועסְטוּ קֶענֶען זִיךְ מֶער עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּם בַּאשֶׁעפֶער.




יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זֵיי, זִיךְ דֶערְמַאנֶען יֶעדְן טָאג אוּנְזֶער חֵלֶק, וִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וְכוּ'. מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן יֶעדְן טָאג מִיט תּוֹרָה, אוּן תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַלֶע דְרַיי תְּפִלּוֹת אַ טָאג, וּבִפְרָט הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַן אֱמֶת'ער גוּטֶער

המשך אויף זייט 10

# קְרֶעכְצְן מִיט פְרֵייד!

*הֶמְשֵׁךְ פוּן פָארִיגֶע וָואךְ יֶענֶע צַייטְן וֶוען ר' חַיִים בִּנְיָמִין בְּרָאד ז"ל פוּן פוֹילְן וֶועלְכֶער אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט קַיין מֶעזִיבוּשׁ הָאט גֶעזוּכְט אַ קְוָואל פַאר פַּרְנָסָה אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע מְשׁוּמָדִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְאוֹיס אוֹיסְגֶענוּמֶען אַ תְּנַאי: "אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת" רַחֲמָנָא לִצְלָן*

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם טַאטְנְ'ס מַצָּב זוּכְנְדִיג אַ פַּרְנָסָה שְׁטֶעלֶע. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ אַנְטְזָאגְט צוּ אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת, אָבֶּער דִי קָאמֶענִיסְטִישֶׁע חֶבְרָה הָאבְּן אִים גֶעצִימְבְּלְט מִיט שְׁפָּאט: "וַוארְט נָאר וַוארְט, דוּ וֶועסְט זִיךְ נָאךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז פַאר אַ פַּרְנָסָה, מִיט שַׁבָּת אָן שַׁבָּת... פַּרְנָסָה גֶעבְּן אוּנְז, רַחֲמָנָא לִצְלָן!"

דֶער טַאטֶע הָאט מִיט זִיכֶערְקַייט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין!"

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי קִינְדֶער אִין שְׁטוּב, מַיין גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער רֵייזְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם (שְׁפֶּעטֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט הרה"ח ר' זַלְמָן אַסְטוֹלִין) אוּן אִיךְ. צוּ אוֹיסְהַאלְטְן אַ שְׁטוּב אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען קְרִיעַת יַם סוּף, מִיר הָאבְּן גֶעלִיטְן שְׁרֶעקְלִיכֶע הוּנְגֶער אוּן פֵּיין. אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן אֵיין שַׁבָּת, אַלְס זֶעקְס יֶערִיג קִינְד, אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג פוּן בֵּית מִדְרָשׁ אוּן דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעדֶעקְט מִיט לֵיידִיגֶע טֶעלֶערְס, וֶוער הָאט גֶעקֶענְט חָלוֹמֶ'עו צוּ מַאכְן קִדּוּשׁ אוֹיף וַויין. אָבֶּער אֲפִילוּ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט וָואס מֶען זָאל דֶערוֹיף קֶענֶען קִדּוּשׁ מַאכְן אִיז לֵיידֶער אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען. 'לֵיידִיג'! אִיז מַמָּשׁ דֶער אוֹיסְדְרִיק; אַ שְׁטוּב לֵיידִיג פוּן עֶסְן. דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ גֶעוֶוערְטְלְט מִיט אַ בִּיטֶערֶע שְׁמֵייכְל אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט: "שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג, אַז ס'אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ עֶסְן, וֶועל אִיךְ מִיר לֵייגְן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם שַׁבָּת שְׁלָאף..."

ר' חיים בנימין בראד ז"ל



אִיךְ בִּין אַרַיין אִין בֶּעט אוּן אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, וֶוען מַיין מָאגְן רוּדֶערְט פוּן הוּנְגֶער. שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג נָאכְן זִיךְ דֶערְוֶועקְן הָאבּ אִיךְ דֶערְזֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אוֹיפְן טִישׁ. קַיין סַךְ שְׁאֵלוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט, נָאר זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן אַרַיינְגֶערוּקְט גֶעשְׁוִוינְד. זֶעט אוֹיס אַז אֵיינֶע פוּן דִי שְׁכֵנוֹת הָאבְּן זִיךְ דֶערְוְוִיסְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף קִדּוּשׁ אוּן לֶחֶם מִשְׁנֶה צוּ מַאכְן, הָאט זִי' אַרַיינְגֶעשִׁיקְט דָאס שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

עֶס לִיגְט מִיר אִין גֶעדַאנְק אַסַאךְ זִכְרוֹנוֹת פוּן מַיינֶע יָארְן אִין מֶעזִיבוּשׁ. מַיין זֵיידֶע ר' נַפְתָּלִי הֶערְץ פְלֶעגְט מִיר דֶערְצֵיילְן וֶועגְן דִי שְׁטָאט אוּן אַלֶעס אַרוּם. עֶר פְלֶעגְט מִיר פַארְשְׁטֶעלְן וִויאַזוֹי דִי אַמָאלִיגֶע מֶעזִיבוּשֶׁ'ע אִידְן הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין מַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן צוּ דַאוֶונֶען אִין בַּעַל שֵׁם טוֹבְ'ס שׁוּל, אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עוֹלֶה זַיין שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיי דִי עֲלִיָּה פוּן 'כָּל הַנְּעָרִים' אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תּוֹרָה, וָואס לוֹיט דִי מְסוֹרָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם עוֹלֶה גֶעוֶוען לְתוֹרָה

המשך אויף זייט 9

# איין מעשה'לע

*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*



## אַ נײַע בֶּעקִיטְשֶׁע

עֶרֶב יוֹם טוֹב תשפ"א. דִי אַרְבֶּעט אִיז פִּיל. מֶען לוֹיפְט אַרוּם פַאְרסַאפֶּעט פוּן אֵיין פְלִיכְט צוּם צְוֵוייטְן, מֶען וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס פְרִיעֶר צוּ טוּן. אֵייגֶע פוּן מַיינֶע וִויכְטִיגֶע עִנְיָנִים וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעדַארְפְט עֶרְלֶעדִיגְן אִיז גֶעוֶוען צוּ בַּאשְׁטֶעלְן אַ נַײֶע בֶּעקִיטְשֶׁע. זֵייעֶר פָּשׁוּט אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט. כְ'קֶען אַרַיינְגֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט, אוֹיסְקְלַייבְּן אַ בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן אַרוֹיסְגֵיין? נִישְׁט פּוּנְקְט אַזוֹי וַוייל אָן קַיין גֶעלְט גֵייט מֶען נִישְׁט אַרַיין אִין קֵיין גֶעשֶׁעפְט. דָאס אִיז דֶער סֵדֶר הָעוֹלָם זַייט וֶועלְט בַּאשַׁאף. נוּ, וָואס מַאכְסְטוּ אַ רַעשׁ, הָאסְטוּ גֶעלְט גֵיי קוֹיף אוּן אוֹיבּ נִישְׁט אִיז נִישְׁט. אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין בֶּעקִיטְשֶׁע אִין שַׁאפֶּע אִיז שׁוֹין נִישְׁט צוּם נִיצְן. סְ'אִיז שׁוֹין מֶער בְּרוֹין וִוי שְׁוַוארְץ, אָפְּגֶעריבְּן אוּן צֶערִיסְן נָאךְ פוּן דִי אַלְטֶע גוּטֶע צַייטְן. קוּמְט דֶער זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ קֶען מֶען אִים נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען מִיט דֶעם.

**וָואס טוּט אַ אִיד? מֶען בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.** דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל יֶענֶעם עֶרֶב סֻכּוֹת.

אַ וָואךְ פַאר סֻכּוֹת. אִין אַ פַארְנַאכְטְס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז הַיינְט הָאבּ אִיךְ אַבִּיסְל אִיבֶּערִיגֶע צַייט וֶועל אִיךְ אַרַיינְגֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט צוּ אוֹיסְקְלַייבְּן אַ בֶּעקִיטְשֶׁע אַז וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן זָאל אִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֵיין אִין דִי רֵייעֶ אִין גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ וֶועל קֶענֶען נָאר אַרַיינְגֵיין אוּן עֶס אָפְּנֶעמֶען. אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ גְלַייךְ צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אָן אֵיין בֶּעקִיטְשֶׁע נָאכְן צְוֵוייטְן צוּ זֶען וֶועלְכֶע סְ'פַּאסְט מִיר דִי בֶּעסְטֶע. אוּן ב"ה אִיךְ הָאבּ מִיךְ עֶפֶּעס דֶערְוֶועלְט. אִיךְ מַאךְ אַ סִימָן בַּיי מִיר וֶועלְכֶע נוּמֶער אוּן מוּסְטֶער אִיךְ דַארְף אוּן אִיךְ הֶענְג עֶס צוּרִיק אוֹיף מִיט דִי כַּוָּנָה צוּרִיקְצוּקוּמֶען בַּאלְד וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁערְט מִיר דָאס גֶעלְט. וָואס וֶועט זַיין טָאמֶער אֵיינֶער וֶועט עֶס אוֹיסְכַאפְּן אוּן דִי גֶעשֶׁעפְט וֶועט נִישְׁט הָאבְּן אַ צְוֵוייטֶע?

אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין. אַ זַאךְ וָואס אִיז מִיר בַּאשֶׁערְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט צוּנֶעמֶען. אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ גֵיין צוּם טִיר אוּן מַיין טֶעלֶעפָאן צוּקְלִינְגְט זִיךְ. אַ נָארְמַאלֶער עֶרְשֵׁיינוּנְג.

"הֶעלָא מֹשֶׁה," הֶער אִיךְ מַיין קָרוֹב אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן. "יָא, וָואס הֶערְט זִיךְ נַייעֶס?"

"אִיךְ הָאבּ גֶעלְט פַאר דִיר! אָבֶּער בִּיטֶע קוּם עֶס שׁוֹין אָפְּנֶעמֶען. אִיךְ פַארְנֶעם נִישְׁט צוּ הַאלְטְן יֶענֶעמְס גֶעלְט בַּיי זִיךְ!" זָאגְט עֶר מִיר שְׁטְרֶענְג. עֶר דַארְף מִיר אָבֶּער נִישְׁט וָוארֶענֶען. אִיךְ גֵיי גְלַייךְ אַרִיבֶּער נֶעמֶען דָאס גֶעלְט. עֶר וואוֹינְט מַמָּשׁ אִין זֶעלְבְּן גַאס פוּן דֶעם גֶעשֶׁעפְט וואוּ אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט. אִיךְ נֶעם דֶעם קָאנְוֶוערְט אוּן רִיכְט מַיינֶע טְרִיט גְלַייךְ צוּרִיק צוּם גֶעשֶׁעפְט. דִי בֶּעקִיטְשֶׁע שְׁטֵייט נָאךְ אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואוּ אִיךְ הָאבּ אִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט עֶטְלִיכֶע מִינוּט צוּרִיק. אִיךְ בַּאצָאל אוּן גֵיי אַהֵיים פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בַּאשֶׁערְט מַיין צָרְכֵי חַג פּוּנְקְט אִין דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט.

יֶעצְט, עֶרֶב יוֹם טוֹב וֶוען דִי הוֹצָאוֹת פוּן דִי מִצְוֹות שְׁטֵייגְן, אִיבֶּערְהוֹיפְּט מִיר בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים וָואס הָאבְּן דִי אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע הוֹצָאוֹת פוּן רַייזְן קַיין אוּמַאן, דַארְפְן מִיר זִיךְ מֶער מְחַזֵּק זַיין זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן צוּשְׁטֶעלְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹות. אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן קָאסְט גֶעלְט אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט וִויפִּיל מֶען בְּרוֹיךְ. נָאר נִישְׁט זָארְגְן!



# די נַייְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ~

# דער חכם און דער תם 2

**אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִימַאכְט דֶעם שׁוּךְ.** און מִן הַסְתָּם הָאט דֶער שׁוּךְ גִיהַאט דְרַיי עֶקִין וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אִין גַאנְצִין. פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם שׁוּךְ אִין דֶער הַאנְט אַרַיין און הָאט אִים זַייעֶר גִילוֹיבְּט. און עֶר הָאט גְרוֹיס תַּעֲנוּג גִיהַאט פוּן אִים.

**און פְלֶעגְט זָאגִין.** מַיין וַוייבּ. וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט און וָואסִיר אַ וואוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז. וָואסִיר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז. **וָואסִיר אַ הָאנִיקְדִיק. וָואסִיר אַ צוּקִירְדִיק שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז.** הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט. אַז עֶס אִיז יוֹא אַזוֹי פַאר וָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטִירְס נֶעמֶען דְרַיי גוּלְדֶען פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ. און דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבִּין טָאלֶער. (דְהַיינוּ אַ גוּלְדְן מִיט אַ הַאלְבִּין)

**הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט.** וָואס הָאט דָאס צוּ מִיר. דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה. און דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. און וִוידֶער וָואס הָאבִּין מִיר צוּ שְׁמוּסִין פוּן אַנְדֶערֶע לַייט. לָאמִיר נָאר אָנְהֵייבְּן בַּארֶעכֶענֶען וִויפִיל אִיךְ גְוִוין דָא אִין דֶעם שִׁיכֶעל מִיַד לְיַד. דִי לֶעדֶער קָאסְט מִיךְ אַזוֹי פִיל. זְוִויצֶע און דְרַאטְוִויס קָאסְט אַזוֹי פִיל. לַאפְּקִיס אַזוֹי פִיל. און אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכִין אַזוֹי פִיל. הַיינְט גִיוִוין אִיךְ מִיַד לְיַד צֶעהְן גְרָאשִׁין. נָא וָואס אַיירְט עֶס מִיךְ אַזוֹי אַ רֶוַוח מִיַד לְיַד. **און עֶר אִיז גִיוֶוען נָאר פְרֵיילִיךְ און לוּסְטִיק תָּמִיד.**

**און בַּיי דֶער וֶועלְט** אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גִישְׁפֶּעט. און זֵיי הָאבְּן דָא גִיקְרִיגְן וָואס זֵיי ווִילִין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָא גִיהַאט אוֹיס וֶועמֶען צוּ שְׁפֶּעטִין אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן גִיוָואלְט. וָוארִין עֶר הָאט אַפָּנִים גִיהַאט בַּיי זֵיי וִוי אַ מְשׁוּגֶענֶער. פְלֶעגִין מֶענְשְׁן קוּמֶען. און הָאבִּין אִין מִיסְטְנֶע אָן גִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. כְּדֵי זֵיי זָאלִין הָאבְּן עֶפֶּעס צוּ שְׁפֶּעטִין.

**און דֶער תַּם** פְלֶעגְט זֵיי צוּ זָאגִין **נָאר אָן לֵיצָנוּת.** און תֵּיכֶּף וִוי מֶען הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט אָן לֵיצָנוּת. הָאט עֶר זֵיי צוּ גִיהֶערְט. און הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּסִין. וָוארִין וַוייטֶער. הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט אִיבֶּער טְרַאכְטְן חָכְמוֹת. טָאמֶער אִיז דָאס אַלֵיין לֵיצָנוּת.

**וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תַּם.** און אַז עֶר הָאט פָּארְט גִיזֶעהְן אַז זֵיי מֵיינֶען לֵיצָנוּת. פְלֶעגְט עֶר זָאגִין וָואס וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין קְלוּגֶער זַיין פוּן מִיר. וֶועסְטוּ זִיךְ עֶרְשְׁט זַיין אַ נַאר. וָוארִין וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן. און אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין פוּן מִיר קְלוּגֶער זַיין וֶועסְטוּ זִיךְ עֶרְשְׁט זַיין אַ נַאר. (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם תַּם. הַיינְט וֶועלְן מִיר וִוידֶער דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם חָכָם).

**דֶערְוַוייל** אִיז גִיוָוארְן אַ רַעַשׁ אַז דֶער חָכָם פָּארְט. און עֶר קוּמְט אָן מִיט גְרוֹיס גְדוּלָה און מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. אִיז דֶער תַּם אוֹיךְ גִילָאפִין אִים אַקֶעגִין **מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.** און הָאט גִיזָאגְט צוּם וַוייבּ. גִיבּ מִיר גִיךְ דִי יוּפָּא לָאם אִיךְ גֵיין אַקֶעגִין מַיין לִיבְּן חָבֵר לָאם אִיךְ אִים זֶעהְן. הָאט זִי אִים גִיגֶעבְּן דֶעם פֶּעלְץ. אִיז עֶר אִים אַקֶעגִין גִילָאפִין און דֶעם חָכָם אִיז גִיפָארִין אִין אַ קַארְטֶע. מִיט גְרוֹיסְקֵייט.

**אִיז אִים גִיקוּמֶען** אַקֶעגִין דֶער תַּם. און הָאט אִים גִיגֶעבִּין שָׁלוֹם **מִיט שִׂמְחָה מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.** (און הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט) מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער וָוואס טוּסְטוּ. גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט דִיךְ גִיבְּרַאכְט און אִיךְ בִּין זוֹכֶה דִיךְ צוּ זֶעהְן.

**און דֶער חָכָם קוּקְט אִים אָן.** בַּיי אִים אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיךְ גִיוֶוען גָאר נִישְׁט (אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אִיז גִישְׁטַאנֶען. אַז אַלֶע מֶענְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט הָאבִּין בַּיי אִים גָאר נִיט אָן גִיטְרָאפְן. וָוארִין עֶר אִיז בַּיי זִיךְ קְלוּגֶער גִיוֶוען פוּן גָאר דֶער וֶועלְט) מִכָּל שֶׁכֵּן. אַזוֹי אַ מֶענְשׁ. וָואס עֶר הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ מְשׁוּגָע.

**נָאר פוּן דֶעסְט** וֶועגִין פָארְט מַחְמַת דִי אַהֲבָה פוּן דֶער יוּגְנְט וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גִיוֶוען. און עֶר אִיז מִיט אִים גִיפָארִין אִין שְׁטָאט אַרַיין.

**און דִי צְוֵויי בַּעֲלֵי בַּתִּים** דִי פֶּעטֶער פוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער (דְהַיינוּ פוּן דֶעם חָכָם און פוּן דֶעם תָּם) זֶענֶען זֵיי גִישְׁטָארְבְּן, אִין דֶער צַייט וָואס דֶער חָכָם אִיז אוֹיסִין גִיוֶוען אִין מְדִינוֹת. און הָאבִּין אִיבֶּער גִילָאזְט זֵייעֶרֶע הַייזֶער. **דֶער תָּם אִיז גִיוֶוען אוֹיף זַיין אָרְט.**

**אִיז עֶר אַרַיין** אִין זַיין פָּאטֶעְרְס הוֹיז און הָאט עֶס גִירַשְׁי'ט. דֶער חָכָם אִיז אָבֶּער גִיוֶוען אִין פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת הָאט קֵיינֶער נִיט גִיהַאט אָפּ צוּ נֶעמֶען דָאס הוֹיז. אִיז דָאס הוֹיז פוּן דֶעם חָכָם כָּלָה וְאָבַד גִיוָוארִין. און סֶע אִיז דֶערְפוּן גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן. הָאט דֶער חָכָם נִיט גִיהַאט קֵיין שְׁטוּבּ עֶר זָאל אַרַיין בְּשַׁעַת אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען.

**אִיז עֶר פָאר פָּארִין** אִין אֵיין אַרְבִּירִיק אַרַיין. הָאט עֶר דָארְט גִיהַאט יְסוּרִים. וָוארִין סֶע אִיז נִיט גִיוֶוען אַזוֹי אֵיין אַרְבִּירִיק וִוי עֶר הָאט גִיוָואלְט. און דֶער תָּם. הָאט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט גִיפוּנֶען אַ נַיי טוּעֶכְץ און פְלֶעגְט לוֹיפִין אַלֶע מָאל צוּם חָכָם מִיט **לִיבְּשַׁאפְט און מִיט שִׂמְחָה.** און עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז דֶער חָכָם הָאט יְסוּרִים פוּן דֶער אַרְבְּרִיק.

**הָאט דֶער תָּם גִיזָאגְט צוּם חָכָם.** בְּרוּדֶער. גֵיי צוּ מִיר אַרַיין אִין מַיין שְׁטוּבּ אַרַיין. וֶועסְטוּ בַּיי מִיר שְׁטֵיין און אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּם אוֹיף נֶעמֶען אִין אֵיין זְמֶענִי גָאר וָואס אִיךְ הָאבּ. און גָאר מַיין שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ הָאבִּין. אִיז דָאס גִיפֶעלִין

דֶעם חָכָם. אִיז דֶער חָכָם צוּ אִים אַרַיין. און עֶר אִיז בַּיי אִים גִישְׁטַאנֶען.

**און דֶער חָכָם** אִיז גִיוֶוען פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. וָוארִין עֶר הָאט גִילָאזְט אַ שֵׁם אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם און אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְלָאכָה און אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער זֵייעֶר. אִיז גִיקוּמֶען אַ שְׂרָרָה. און הָאט גִיהֵייסִין אַז עֶר זָאל אִים מַאכִין אַ גִילְדִין פִינְגֶערִיל.

**הָאט עֶר אִים גִימַאכְט** זֵייעֶר אַ וואוֹיל פִינְגֶערִיל. און הָאט דָארְט אוֹיס גִיקְרִיצְט גִימֶעלְין מִיט זֵייעֶר וואוֹילֶע גֶענְג און הָאט דָארְט אוֹיס גִיקְרִיצְט אַ בּוֹים וָואס סֶע גִיוֶוען גָאר אַ חִידוּשׁ. אִיז גִיקוּמֶען דֶער שְׂרָרָה. און סֶע אִיז אִים גָאר נִיט גִיפֶעלִין דָאס פִינְגֶערִיל.

**הָאט עֶר גִיהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים.** וָוארִין עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גְוואוּסְט **אַז דָאס פִינְגֶערִיל** מִיט דֶעם בֵּיימִיל זָאל גִיוֶוען זַיין אִין שְׁפַּאנְיֶא **וָואלְט עֶס זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען סֶע וָואלְט דָארְט גִיוֶוען אַ חִידוּשׁ.** און דָא גִיפֶעלְט עֶס גָאר נִיט.

**און אַזוֹי** אִיז אַמָאל גִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׂרָרָה און הָאט גִיבְּרַאכְט אַ טַייעֶרִין דוּמִיט וָואס מֶען הָאט אִים גִיבְּרַאכְט פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער. און עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט נָאךְ אַ דוּמִיט מִיט אַ גִימֶעל און הָאט אִים גִיהֵייסְן אַז עֶר זָאל אוֹיסְקְרִיצִין אַזוֹי וִוי דָאס גִימֶעל אִיז אַזוֹי זָאל עֶר אוֹיס קְרִיצִין אוֹיף דֶעם דוּמִיט וָואס עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט (וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער) הָאט עֶר אוֹיס גִיקְרִיצְט פוּנְקְט אַזוֹי וִוי דָאס גִימֶעל.

**נָאר עֶר הָאט** גִיפֶעלְט אֵיין זַאךְ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ אִיז דְרוֹיף קֵיין מֵבִין נִיט גִיוֶוען נָאר עֶר אַלֵיין. אִיז גִיקוּמֶען דֶער שְׂרָרָה און הָאט אָפְּגִינוּמֶען דֶעם דוּמִיט. און עֶר אִיז אִים וואוֹיל גִיפֶעלִין.

**און דֶער חָכָם** הָאט גִיהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דֶעם פֶּעלֶער וָואס עֶר הָאט גִיפֶּעלְט. עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. אַזוֹי קְלוּג וִוי אִיךְ בִּין. הַיינְט זָאל זִיךְ מִיר טְרֶעפְן אַ פֶּעלֶער.

**און אַזוֹי אִין דָאקְטִירַיי** הָאט עֶר אוֹיךְ גִיהַאט יְסוּרִים אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין חוֹלֶה. און עֶר הָאט אִים גִיגֶעבְן רְפוּאוֹת וָואס עֶר הָאט גִיוואוּסְט קְלָאר אַז דֶעם חוֹלֶה וֶועט גֵיין אוֹיף לֶעבְן אִיז עֶר מְחוּיָב בְּוַודַאי גִיהֵיילְט צוּ וֶוערִין פוּן דִי רְפוּאוֹת וָוארִין סֶע אִיז זֵייעֶר וואוּילֶע רְפוּאוֹת. דֶערְנָאךְ אִיז אָבֶּער דֶער חוֹלֶה גִישְׁטָארְבְן. הָאט דֶער עוֹלָם גִיזָאגְט. אַז עֶר אִיז גִישְׁטָארְבְּן דוּרךְ אִים. הָאט עֶר גְרוֹיסֶע יְסוּרִים דֶערְפוּן גִיהַאט.

**און אַזוֹי אַמָאל** הָאט עֶר גִיגֶעבְן רְפוּאוֹת אַ חוֹלֶה. און דֶער חוֹלֶה אִיז גִיזוּנְד גִיוָוארִין. און דֶער עוֹלָם הָאט גִיזָאגְט סֶע אִיז אַ מִקְרֶה (כְּלוֹמַר עֶר אִיז אַזוֹי גִיזוּנְד גִיוָוארִין נִיט פוּן אִים) הָאט עֶר דֶערְפוּן אוֹיךְ גְרוֹיסֶע יְסוּרִים גִיהַאט. און עֶר אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט יְסוּרִים תָּמִיד.

**און אַזוֹי** אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אֵיין מַלְבּוּשׁ. הָאט עֶר גִירוּפְן דֶעם שְׁנַיידֶער. און הָאט זִיךְ מִיט אִים גִימוּטְשֶׁעט. בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיסְגִילֶערְנְט אַז עֶר זָאל מַאכִין דָאס מַלְבּוּשׁ מִיט דֶער מָאדֶע אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גְוואוּסְט. הָאט דֶער שְׁנַיידֶער צוּ גִיטְרָאפִין און הָאט אִים גִימַאכְט דָאס מַלְבּוּשׁ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גִיוָואלְט. נָאר אֵיין לֶעפִּיל הָאט דֶער שְׁנַיידֶער גִיפֶּעלְט און הָאט עֶס נִיט גוּט צוּ גִיטְרָאפִין.

**הָאט עֶר דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע יְסוּרִים גִיהַאט.** וָוארְן עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גְוואוּסְט כָאטְשִׁי דָא אִיז דְרוֹיף קֵיינֶער קֵיין מֵבִין נִיט. אִיךְ זָאל אָבֶּער זַיין אִין שְׁפַּאנְיָא. מִיט דֶעם לֶעפִּיל. וָואלְט מֶען אוֹיס מִיר גִילַאכְט. און אִיךְ וָואלְט אַ פָּנִים גִיהַאט וִוי חוֹזֶק. און אַזוֹי אִיז עֶר גִיוֶוען פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד.

**און דֶער תַּם** פְּלֶעגְט אַלֶע מָאל לוֹיפִין און פְּלֶעגְט קוּמֶען צוּם חָכָם **מִיט שִׂמְחָה מִיט פְרֵייד.** און עֶר הָאט אִים אַלְץ גִיפוּנֶען אִין צַער און פוּל מִיט יְסוּרִים. און עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט אַזוֹי אַ חָכָם און אַזוֹי אֵיין עוֹשֶׁר וִוי דוּ בִּיסְט וָואס הָאסְטוּ אַלְץ יְסוּרִים תָּמִיד. **פַאר וָואס בִּין אִיךְ תָּמִיד פְרֵיילִיךְ.**

**אִיז דָאס בַּאם חָכָם** גִיוֶוען אַ גִישְׁפֶּעט. און עֶר הָאט בַּיי אִים אַ פָּנִים גִיהַאט פַאר מְשׁוּגָע. הָאט דֶער תַּם צוּ אִים גִיזָאגְט: אֲפִילוּ גְלַאטֶע מֶענְשְׁן אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן אוֹיס מִיר זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ נַעֲרָנִים. וָוארִין אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין קְלִיגֶער פוּן מִיר זֶענֶען זֵיי זִיךְ עֶרְשְׁט נַעֲרָנִים. מִכָּל שֶׁכֵּן אַזוֹי אַ חָכָם וִוי דוּ בִּיסְט. וָואס אִיז אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין קְלוּגֶער פוּן מִיר.

**הָאט זִיךְ דֶער תַּם** אָנְגִירוּפִין און הָאט גִיזָאגְט צוּם חָכָם וִוי גִיט דֶער אֵייבִּירְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער (כְּלוֹמַר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַ תָּם וֶוערִין)

**הָאט דֶער חָכָם** גִיעֶנְפֶּערְט. דָאס קָאן גִימָאלְט זַיין אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין שְׁטֵייגֶער. **אַז גָאט זָאל בַּיי מִיר דֶעם שֵׂכֶל אַוֶועק נֶעמֶען חַס וְשָׁלוֹם,** אוֹדֶער אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערִין. קָאן זַיין אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ וֶוערִין מְשׁוּגָע. וָוארִין וָואס בִּיסְטוּ דֶען נָאר מְשׁוּגָע. **נָאר אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער. דָאס אִיז נִיט גִימָאלְט בְּשׁוּם אוֹפֶן.** אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַזוֹי אַ חָכָם וִוי אִיךְ.

**הָאט דֶער תַּם גִיעֶנְפֶּערְט.**

## בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ
## אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ
## קָאן זַיין כְּהֶרֶף עַיִן

(אַזוֹי וִוי אֵיין אוֹיגְן בְּלִיק)

**אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין חָכְמָה.**

הָאט דֶער חָכָם אוֹיס אִים זֵייעֶר גִילַאכְט.

# וָואס מֵיינְט בָּקִי בְּרָצֹא און בָּקִי בְּשׁוֹב ?!

דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִין תּוֹרָה ו׳, אַז סְ׳אִיז דָא אַ סוֹד וָואס הֵייסְט סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל, הָאט דֶער רֶבִּי דָארְט גֶעזָאגְט אַז דִי כַּוָּנָה אִיז כִּפְשׁוּטוֹ, מֶען דַארְף זַיין בָּקִי בְּרָצֹא וּבְשׁוֹב. ׳בְּרָצֹא׳ מֵיינְט אַז מֶען דַארְף גֵיין מֶער אוּן מֶער, הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן טוּן מֶער אוּן מֶער וִויפִיל מְ׳קֶען אַרַיינְכַאפְּן. פוּן צְוֵוייטְן זַייט, ׳בָּקִי בְּשׁוֹב׳, דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ מֶען פַארְהַאקְט זִיךְ, עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל אוּן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפְּלַאנְט. אַסַאךְ מָאל אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר, צוּ טוּן אַ מִצְוָה, דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיף יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה אִיז דָא עֶקְסְטֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן טִרְדוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אוּן זָאגְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר – ׳וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ׳ אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ לִיג בַּאקְוֶועם אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיךְ מִיט מִיר אוּן אִיךְ קֶען אִין דֶעם מַצָּב אוֹיךְ טְרֶעפְן מִיט וָואס אִים צוּ דִינֶען אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין.

## די ניינטע מעשה (2) ׳ פונעם חכם מיטן תם

**א. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב אויף זיין שוך מיט דריי עקן?**

- ❑ וואספארא שיינקייט און וואוילקייט איז דאס שוך.
- ❑ וואספארא זיסקייט איז דאס שוך.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. ווען זיין ווייב האט אים געפרעגט: ״דו נעמסט נאר א גולדן מיט א האלבן״, וואס ענטפערט דער תם?**

- ❑ דאס איז יענעמס מעשה, און דאס איז מיין מעשה.
- ❑ וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. וואס האט דער תם געזאגט פאר די מענטשן וואס האבן מיט אים אנגעהויבן שמועסן כדי צו שפעטן פון אים?**

- ❑ מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד.
- ❑ נאר אן ליצנות.
- ❑ ער האט זיי מוסר געזאגט, פארוואס זיי מאכן ליצנות.

**ד. וואס האט אים זיין ווייב געגעבן אנצוטון ווען ער איז געגאנגען צום חכם?**

- ❑ די פעלץ.
- ❑ די טוליפ.
- ❑ די יופא.

**ה. פאר וואס האט דער חכם געווען מקרב דעם תם ווען ער האט אים געזען?**

- ❑ ווייל דער תם איז געווארן א חכם.
- ❑ ער האט אים נישט געוואלט פארשעמען ברבים.
- ❑ ווייל די ליבשאפט פון דער יוגנט.

**ו. וואס איז געווארן מיט די הויז פונעם טאטן פונעם חכם?**

- ❑ עס איז זייער שיין איבערגעבויעט געווארן.
- ❑ עס איז אינגאנצן חרוב געווארן.
- ❑ עס איז געווארן א הערליכע שיינע אכסניא.

**ז. וואו איז דער חכם געפארן גלייך ביים אנקומען צו זיין שטאט?**

- ❑ צו אן ארבערגע (אכסניא).
- ❑ צו זיין טאטנס הויז.
- ❑ צו די שטוב פונעם תם.

**ח. האט דער חכם געהאט הנאה פון דעם פלאץ וואו ער איז איינגעשטאנען?**

- ❑ זייער הנאה געהאט.
- ❑ ס׳איז נישט געווען באקוועם פאר אים.
- ❑ ער האט געהאט דארטן יסורים.

**ט. וואו איז דעם חכם געגאנגען וואוינען נאך דעם?**

- ❑ אין די שטוב פונעם תם.
- ❑ אין א הערליכע שיינע אכסניא.
- ❑ געבליבן די גאנצע צייט אין די אכסניא.

**י. איז געפעלן פארן שררה (שר), דאס פינגערל וואס דער חכם האט געמאכט?**

- ❑ עס איז אים זייער געפעלן.
- ❑ יא, נאר איין זאך איז אים נישט געפעלן.
- ❑ עס איז אים גאר נישט געפעלן.

**יא. האט דער חכם מצליח געווען אויסצוקריצן דעם דומיט (דימאנט) פונקט ווי דאס צווייטע דומיט?**

- ❑ יא, ער האט דאס די זעלבע אויסגעקריצט.
- ❑ יא, נאר עס האט געפעלט איין זאך.
- ❑ בכלל נישט אויסגעקומען ענדליך צום צווייטן דומיט.

**יב. איז געפעלן פאר דעם שררה, דער דומיט וואס דער חכם האט געקריצט?**

- ❑ עס איז אים וואויל געפעלן.
- ❑ יא, ער האט געהאט נאר איין הערה.
- ❑ עס איז אים בכלל נישט געפעלן.

**יג. וואספארא יסורים האט דער חכם געהאט פונעם אויסגעקריצטן דומיט (דימאנט)?**

- ❑ פון א קלאפ וואס ער האט געכאפט פונעם דומיט.
- ❑ פון א פעלער וואס ער האט געמאכט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואס האט דער עולם געזאגט ווען א קראנקער איז געזונט געווארן פון די רפואות פונעם חכם?**

- ❑ געלויבט דעם חכם אז אין זיין זכות איז ער געהיילט געווארן.
- ❑ ס׳איז א מקרה (סתם אזוי).
- ❑ ווען נישט די רפואות, וואלט ער שנעלער געהיילט געווארן.

**טו. וואס האט דער תם געענטפערט פארן חכם, ווען ער האט אים געזאגט: ״דו קענסט בשום אופן נישט ווערן אזוי א חכם ווי מיר״?**

- ❑ ביי השם יתברך איז אלעס מעגליך.
- ❑ ער האט מודה געווען צו אים.
- ❑ אים בכלל נישט געענטפערט.

**טז. וואס לערנסט זיך דערווייל פון די מעשה?**

- ❑ ס׳איז כדי זיך צו לערנען אסאך פאכן צו קענען מאכן פון דעם פרנסה.
- ❑ נישט קוקן וואס אנדערע טוען.
- ❑ ________________________.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

646-518-1095 1-518-329-9149

?

# אַ בְּרֶסְלֶבָ׳ע דְרוּק!!



טַײעֶרע קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיר הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערוּעֶט אַפָּאר וָואכְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין הֶמְשֵׁךְ פוּן דֶער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער דְרוּק, אָבֶּער נִישְׁט גֶעזָארְגְט. דָאךְ אִיז קַיין יֵאוּש נִישְׁט פַארְהַאן! אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ע דְרוּק וֵוייסְט מֶען אַז סְ׳אִיז קַײנְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן און אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

**ווי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער סֵפֶר ״שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים״ זֵייעֶר אַסַאךְ סְגוּלוֹת. סְ׳אִיז מְסוּגָל צוּ מְשַׁנֶּה זַיין דִי טֶבַע, דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְש. לְמָשָׁל, סְ׳אִיז דָא אַ אִינְגְל וָואס סְ׳אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי און זִיךְ שְׁטֶעלְן פַארְן רֶבִּי׳ן אִין כִּתָּה אִין צַייט, אָדֶער יֶעדֶער אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּר וָואס מֶען הָאט זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינְט, קֶען מֶען עֶס פַּארְט טוּישְׁן, נִישְׁט מִיט קַיין שְׁטְרָאפְן אָדֶער אַנְדֶערֶע בֵּייזֶע מִיטְלֶען, מֶען דַארְף נָאר בִּתְמִימוּת עֶפֶענֶען אַ קוּנְטְרֵס ״שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים״ און זָאגְן דִי דִי נֶעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים און עֶס טוּט אוֹיף בָּדוּק וּמְנוּסֶה.**

**הַיינְט גֵייט מֶען אַרַיין אִין סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט, און גְלַייךְ טְרֶעפְט מֶען פַאר דִי אוֹיגְן דֶעם שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים, פוּן יֶעדְן סָארְט; סְ׳אִיז אוֹיךְ דָא דֶערְפוּן קְלֵיינֶע הַמְחַלֵּק, אַזוֹי קֶענֶען עֶטְלִיכֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם עֶנְדִיגְן שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים אִין אַ קוּרְצֶע צַייט. אָבֶּער וְויאַזוֹי אִיז דֶער סֵפֶר שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים בִּכְלַל צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען, און וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי שְׁוֶועריקַייטְן פוּן ר׳ נָתָן צוּ עֶס צַאמְקְלוֹיבְּן און שְׁרַייבְּן? אָט לֵיינְט וַוייטֶער:**

**ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אִין יְמֵי מוֹהֲרַנַ״ת ווי שְׁוֶוער סְ׳אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען דִי דְרוּק און וְויאַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים:**

**גֶעוֶוען אִיז דָאס אִין יָאר תקפ״א. ר׳ נָתָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען מִיט זַיין דְרוּקֶערַיי, און עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט ווי שְׁטַארְק עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ מְנִיעוֹת פוּן גֶעלְט פַארְ׳ן דְרוּק, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט גֶעפֶעלְט פַּאפִּיר [צוּ דְרוּקְן גְרוֹיסֶע סְפָרִים] און נָאךְ זַאכְן צוּם דְרוּקְן און דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. שְׁרַייבְּט ר׳ נָתָן אַז וְויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאט מְנִיעוֹת צוּ דְרוּקְן גְרוֹיסֶע סְפָרִים, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ דְרוּקְן [אַ קְלֵיין סֵפֶר אוֹיף אֵיין פַּאפִּיר, דֶעם סֵפֶר הָאָלֶף בֵּית - דָאס אִיז דֶער סֵפֶר הַמִּדּוֹת וָואס אוּנְז קֶענֶען הַיינְט, וַוייטֶער שְׁרַייבְּט עֶר:**

**״מַיין זוּן הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיין גֶעלְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר הָאָלֶף בֵּית און מִיר הָאבְּן עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרוּקְן. (אִין אָנְהֵייבּ אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר הַמִּדּוֹת צוּזַאמֶען מִיט שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים.) אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעיָאגְט אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן פוּנְדָאסְנַיי, אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי תְּנָאִים**




**און אֲמוֹרָאִים וָואס אִין אָנְפַאנְג אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט פוּן דֶעם גָאר וַוייניג (נֶעמֶען). אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן דֶערוֹיף און דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער.**

גְלַייך וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן דֶערְמִיט צוּ שְׁרַייבְּן דִי שְׁמוֹת הַצַדִיקִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אִין הַארֶץ אַז אִין דֶעם זְכוּת וֶועל אִיךְ זִיכֶער אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים אִיז דָאס גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אוּן הֶעלְפְט זֵייעֶר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם וִוי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַבִּיסְל עֶרְקְלֶערְט אוּן עֶס אִיז נָאךְ דָא גָאר פִּיל צוּ עֶרְקְלֶערְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי מַעְלָה צוּ דֶערְמַאנֶען מִיטְן מוֹיל דִי שְׁמוֹת הַצַדִיקִים.

אִיז מִיר אוֹיפְגֶעקוּמֶען אַ גֶעדַאנְק אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ מְזַכֶּה זַיין דֶעם רַבִּים, צוּ מְסַדֵר זַיין דִי אַלֶע שְׁמוֹת הַצַדִיקִים אוּן אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי תְּנָאִים וַאֲמוֹרָאִים פוּן גַאנְץ שַׁ"ס אוּן סִפְרֵי מִדְרָשִׁים וְכוּ', וֶועל אִיךְ אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל."

אוּן בַּיים סוֹף פוּן שְׁמוֹת הַצַדִיקִים שְׁרַייבְּט ר' נָתָן: "וֶוען מִיר דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, וָואס אִין יֶעדֶע נָאמֶען לִיגְט דֶער סוֹד פוּן דֶעם צַדִיק אוּן בַּיים דֶערְמַאנֶען דֶעם נָאמֶען אִיז מֶען מְעוֹרֵר דִי אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶעטוּן בַּיים לֶעבְּן, אַזוֹי קֶענֶען מִיר דַאן אוֹיךְ זִיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן נָאכְגֵיין זֵייעֶרֶע וֶועגְן."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם וִוי שְׁוֶוער ר' נָתָן הָאט גֶעאַרְבֶּעט אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן גְרֵייט אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז ר' נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קָאמְפְּיוּטֶער צוּ אַפִּיר זוּכְן אַלֶע נֶעמֶען מִיט אֵיין דְרוּק אוֹיף דִי קְנֶעפְּלֶעךְ, עֶר הָאט מִיט זַיין הֵיילִיגֶע מוֹחַ גֶעדַארְפְט אַדוּרְכְלוֹיפְן גַאנְץ שַׁ"ס אוּן אַזוֹי דִי שְׁפֶּעטֶערֶע צַדִיקִים אוּן אוֹיסְשְׁטֶעלְן לוֹיט דִי אַלֶף בֵּית, תְּקוּפָה, לוֹיט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן שְׁפֶּעטֶערֶע צַדִיקִים, אוּן תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם א.א.וו.

וָואס דַארְפְן מִיר טוּן?! נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן דִי נֶעמֶען, לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין יֶעצְט פַאר אוּמַאן, אוּן דֶערְמַאנֶען דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע נֶעמֶען, דָאס וֶועט זִיכֶער צוּהֶעלְפְן צוּ אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיוֹן וָואס הָאט אַ קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## דעם רבי'נס לייט

המשך פון זייט 2

אִין דֶעם סֵפֶר!

מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ חָשׁוּבֶ'ער אִיד. לַיידֶער, הָאבּ אִיךְ קַיין סַךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִים אִין מַיין יוּגְנְט. וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ אִינְג הָאט מַיין טַאטֶע זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִיבֶּער דִי שְׁטֶעט אוּן דֶערְפְלֶעךְ צוּ זוּכְן פַּרְנָסָה. אָבֶּער אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אִין מַיינֶע יָארְן קִינְדֶער יָארְן, פוּן זֶעקְס-זִיבְּן יָאר אַלְט; אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן מִיט מַיין טַאטְן אוֹיף אַ בַּאנְק, וֶוען עֶר וַואקְלְט זִיךְ שְׁטַארְק אַהִין אוּן צוּרִיק אוּן זִינְגְ זִיךְ אוּנְטֶער אַ לִידְל. אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז זַיין וַואקְלֶענִישְׁן זֶענֶען גַאנְץ שַׁארְף, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט דֶערוֹיף מִיט נַייגֶער, "טַאטֶע אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ הוּנְגֶערִיג?"

"נֵיין, אִיךְ הָאבּ שְׁטֶערְבְּלִיכֶע וֵוייעֶן אִין מַיינֶע צֵיינֶער," עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר.

"דֶעמָאלְס, פַארְוָואס זִינְגְסְטוּ, אַז דוּ הָאסְט יִסוּרִים?"

"אַז מֶען הָאט שְׁמֶערְצְן טוּט מֶען קְרֶעכְצְן, אוּן דָאס טוּ אִיךְ טַאקֶע, אָבֶּער מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע קְרֶעכְץ. גֶענוּג אַז אִיךְ רַייס זִיךְ פַאר יִסוּרִים, דַארְף אִיךְ נָאךְ אַרוֹיפְוַוארְפְן אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוֹיף דִי אַרוּמִיגֶע?!"

המשך אי"ה קומענדיגע וואך

פון ספר 'שלהבת בכפור' מיט רשות פונעם מחבר

פְרַיינְד - אַזוֹי ווִי מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר, צוּ רֶעדְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זִינְגֶען פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, לוֹיבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דִי טֶעג פוּן אֱלוּל זֶענֶען שׁוֹין דָא, ס'הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁבְעָה דְנֶחָמְתָא, אוּן מ'דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט: "אִם יִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ (עמוס ג)". ווִי קֶען זַיין אַז מֶען וֶועט בְּלָאזְן אַ שׁוֹפָר אִין שְׁטָאט, אוּן דֶער פָאלְק וֶועט נִישְׁט כַאפְּן אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק? אוּן דוּ זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע דִיבּוּרִים אוֹיף חֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּיי דִיר אַלְט, ווַייל דָאס אִיז אַזֶעלְכֶע חִדּוּשִׁים וָואס בַּאנַייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, יֶעדְן טָאג פַאר יֶעדֶעם אֵיינֶעם וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוּן וואוּ עֶר גֵייט.

דֶער סוֹד פוּן מְחַזֵּק זַיין אוּן מְחַיֶּה זַיין אַ אִיד דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער סוֹד וָואס דֶער סוֹד ווֵייסְט נִישְׁט נָאר דֶער וֶוער עֶס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תּוֹרָה - תּוֹרָה ו'. ס'אִיז נִישְׁט דָא הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אִין דִי דוֹרוֹת וֶוער עֶס קֶען אוּנְז מְחַיֶּה זַיין אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען חִיּוּת מִיט הִתְחַדְשׁוּת, הִתְלַהֲבוּת אוּן פְרִישְׁקֵייט נָאר דֶער צַדִיק וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תּוֹרָה. אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אַלֶע סָארְטְן לְשׁוֹנוֹת פוּן חִזּוּק: 'זִיךְ קַיינְמָאל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן', 'קֵיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין', אוּן 'דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אוּן נֶעבְּן דִיר'. אוּן דֶער אֱמֶת, הָאט אִין זִיךְ אַ תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וָואס אִיז מְחַיֶּה אוּן עֶס בַּארוּאִיגְט דֶעם נֶפֶשׁ. אוּן בַּאהַאלְט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל מִיט תִּשְׁרֵי זָאל מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ אַ נַייעֶ הִתְחַדְשׁוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט טַאקֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְט אוּם רֹאשׁ חֹדֶשׁ, ווַייל רֹאשׁ חֹדֶשׁ וֶוערְט נִתְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה, דֶערְפַאר בֶּעט מֶען טַאקֶע תִּתְחַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה, 'חַדֵּשׁ' דֶער עִיקָר אִיז הִתְחַדְשׁוּת, אוּן דָאס אִיז דִי כַּוָונָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה', אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז קֵיין שׁוּם צְעָקָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן קֵיין שׁוּם רָצוֹן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶעס רָצוֹן וָואס אַ אִינְגֶעלֶע ווִיל נָאר טוּן, עֶפֶּעס אַ מִצְוָה, אָדֶער אַ דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אַלֶעס וֶוערְט פַארְשְׁרִיבְּן אוֹיבְן אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם גֶעוַואלְדִיגֶע שַׁעֲשׁוּעִים אוּן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטֶער."

דָא עֶנְדִיגְט ר' נָתָן דֶעם בְּרִיוו אוּן עֶר שְׁרַייבְּט זִיךְ אוּנְטֶער: "דָא רֶעדְט צוּ אַייךְ, אֵייעֶר חַבֵר, אֵייעֶר רֶבִּי, אֵייעֶר תַּלְמִיד, וָואס ווַארְט אַז זַיין חֵלֶק זָאל זַיין מִיט אַייךְ אוֹיף אַלֶעמָאל!"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ בַּאנַייעֶן אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל. תִּשְׁרֵי אוּן יָמִים נוֹרָאִים, מִיר ווֶעלְן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַ נַייעֶם קֶשֶׁר צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מֶער אוּן מֶער מִיט אוּנְזֶער אִידִישְׁקֵייט, מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן, מִיר הָאבְּן אַ גֶעוַואלְד פוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים מַאכְן אוּנְז פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

אוּן נָאכְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג סַיי בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע תְּפִלּוֹת, תְּהִלִּים אַז דֶעם רֶבִּי'נְס קִבּוּץ זָאל אָנְגֵיין מֶען אוּן מֶער אוּן עֶס זָאל נִישְׁט פֶעלְן קֵיין שׁוּם נֶפֶשׁ פוּן קִבּוּץ, דִי הַכְתָּרָה זָאל זַיין בִּשְׁלֵמוּת אִין אוּמַאן, אוּן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דִי גֶעבֶּעט וָואס מֶען בֶּעט יָמִים נוֹרָאִים. מְלֹךְ עַל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּכְבוֹדֶךָ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן וְאָמֵן.

**אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# וָועלְכֶע אִינְגְלֶעך הָאט דֶער רֶבִּי פַארְהֶערְט?!

צְוֵויי אִינְגְלֶעך, ר׳ שַׁכְנָא, דֶער זוּן פוּן ר׳ נָתָן און ר׳ אֶפְרַיִם אַ זוּן פוּן ר׳ נַפְתָּלִי - דֶעם רֶבִּינְ׳ס תַּלְמִיד.

זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיטְן רֶבִּי׳ן פוּן דִּינֵי מָמוֹנוֹת אִין דִי גְמָרָא פוּן דִי בָּבָא׳ס, הָאט זֵיי דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ פְרֶעג: ״וֶוער אִיז בֶּעסֶער, אַ מַלְוֶה צוּ אַ לֹוֶה״?!

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן ר׳ שַׁכְנָא: ״אַוַודְאַי אִיז אַ מַלְוֶה בֶּעסֶער״!

זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״נוּ, וִוי אִיז אוֹיבּ עֶר פַארְבָּארְגְט און מֶען גִיבְּט אִים נִישְׁט אָפּ - מֶען צָאלְט אִים נִישְׁט צוּרִיק״?! הָאט שַׁכְנָא גֶעשְׁוִויגְן!

שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן, אִיז גֶעוֶוען אַז פַארְוֶועמֶען ר׳ שַׁכְנָא הָאט פַארְבָּארְגְט גֶעלְט הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן!

עֶר הָאט גֶעהַאט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן דָאס דָאזִיגֶע וָוארְט, דוּ ווִילְסְט זַיין אַ מַלְוֶה? וֶועסְטוּ זַיין אַ מַלְוֶה! דֶער רֶבִּי בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ הָאט אִים דָאס מְרַמֵּז גֶעוֶוען.

מֶען לֶערְנְט זִיךְ פוּן דֶעם אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אַ צַדִּיק אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט און עֶס לִיגְט אִין דֶעם זֵייעֶר טִיפֶע כַּוָּנוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּקְט אוֹיס אַז דֶער צַדִּיק פַארְהֶערְט סְתַּם אַזוֹי דִי גְמָרָא, לִיגְט אִין זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוֹיךְ סוֹדוֹת און רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אִין זַיינֶע סְפָרִים לִיגְט דָארְט פַאר אוּנְז גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת און דְרָכִים פַאר יֶעדְן פַאר אוּנְז פְּרִיוַואט.



אלע קינדער בענקען און זענען מתפלל פאר׳ן הייליגן רבי׳נס קיבוץ ראש השנה אין אומאן, העלף זיי ארויס אנקומען צום ציל...



אזוי ווי מיר האבן ארויסגעשיקט פאר אלע קינדער קארטלעך פון די מתמידים נעמען, אבער עס איז נאכנישט אנגעקומען צו אלע געגנטער, ווען מיר מוזן געבן נאך א געלעגנהייט צו אויסקלויבן א נאמען.



## עס ווערט געזוכט...!

# ...די נאמען

פאר די נייע מתמידים וואס וועט זיך בעזר השם עפענען ווינטער תשפ"ג, פאר די ברסלב'ע קינדער פון אמעריקא, קאנאדא, אייראפע.

דער נאמען פון דער מתמידים געפינט זיך דא אונטן צווישן אלע נעמען, זוך עס אויף און קלינג אריין אין טעל ליין, מיט דיין נאמען, שטאט וואו דו וואוינסט, טעלעפאן, כתה.
מען קען אויסוועלן ביז דריי נעמען.

646-213-4766
ענגלאנד 020-37459540

דער געווינער וועט באקומען א סעט

## ליקוטי הלכות!

א מחיה * אבני קודש * אוהל תורה * אולפן חדת * אוצרות * אור זורח * אור תורה * אורייתא * אחדות * אמרי נועם * אריינכאפן * אשרינו * בן מלך * בן תורה * בני הנעורים * בפיך ובלבבך * ברכת התורה * דפים * דרך הלימוד * המשכה * התחדשות * התמדה * התמדת התורה * והודעתם לבניך * זריזים זריחה * חבורה * חברותא * חברים * חטוף ואכול * חיים טובים * חן דקדושה * חן התורה * חשק התורה * יום-יום * ינוקא * יסודות * ישוב הדעת * כסדר * כסדרן * כתר תורה * לב התורה * להבין * ללמוד * להחיות * להמשיך * לומד תורה * לחטוף טוב * לימוד התורה * מחכימת * מעלות-תורה מקור חיים * מקור חכמה * משיבת נפש * משכן התורה * מתיקת התורה * מתמיד * נחל נובע * נעימות * נצח * נקודות-טובות * סגולה * על התורה * עסק התורה * עץ חיים * עת ללמוד * עת לעשות * פרישקייט * פרפראות * קביעות * קבלת התורה * קבלת עול * קיום התורה * קומי רוני * קמץ אלף * קנינים * שיעורים כסדרם * שלהבת * שמחת התורה * שמחת לב * שעשועים * שפתי תורה * תורה בקביעות * תורת השם * תורה תמימה * תורת חסד * תורת משה * תכלית * תמימי דרך